**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט 49 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג פאר לופטפעלדער אריבער ניו יארק סטעיט

***פינאנצירונג קומט פון 'אוויאציע אינוועסטירונג גרענט פראגראם'***

***געלטער שטיצן מאדערניזירונג, פארבעסערונגען פון אפעראציעס, באפעסטיגונג און זיכערהייט פארשטערקערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 36 פובליק לופטפעלדער אריבער ניו יארק סטעיט וועלן באקומען אומגעפער 49 מיליאן דאלאר פאר סטראטעגישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלכע וועלן פארשטערקערן זיכערהייט, ערמעגליכן ערפינדונגען, אויסנוצן עקזיסטירנדע מיטלען, פאראויס שטופן ביזנעס אנטוויקלונג און שטופן פאר מער שטאנדהאפטיגקייט און באפעסטיגונג.

"א שטארקע אינוועסטירונג אין אונזערע לופטפעלדער איז א באדייטפולע אינוועסטירונג אין אונזערע קאמיוניטיס און אין די צוקונפט פון די עמפּייער סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "לופטפעלדער זענען די טויערן צו קאמיוניטיס גרויס און קליין אריבער ניו יארק סטעיט, און די גרענטס וועלן דינען ווי א שפרינג-ברעטל פון וואו פילע פון די איינריכטונגען וועלן אויפגעהויבן ווערן צו די 21'סטע יאר הונדערט און ווייטער."

אונטער די אויפזיכט פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט, רעכענען די פראיעקטן וועלכע ווערן פינאנצירט דורך דעם אוויאציע אינוועסטירונג גרענט פראגראם ( Aviation Capital Grant Program) אריין די קאנסטרוקציע און איבערבויאונג פון נייע און שטייעדיגע האנגארס, אריבערגאנג צו עלעקטריציטעט און קארבאן רעדוקציע פראגראמען, נייע און פארבעסערטע שניי שארן עקוויפמענט און נייערע סעקיורטי סיסטעמען. די אינוועסטירונגען וועלן דינען צו ערמעגליכן די ארומיגע קאמיוניטיס צו קענען בעסער קאנקורירן עקאנאמיש מיט די דערנעבנדע סטעיטס.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט ווידעראמאל געוויזן אז זי פארשטייט אז קריטישע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע וועלן באפעסטיגן ניו יארק'ס פלאץ אלס פירער אין גלאבאלע האנדל און טוריזם. די געציהלטע אינוועסטירונגען וועלן שטיצן פראיעקטן וועלכע וועלן האבן א פאזיטיווע און לאנגיאריגע ווירקונג אויף די לאקאלע קאמיוניטיס בשעת'ן פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "די פינאנצירונג בויט ארויף אויף די כמעט 1 ביליאן דאלארדיגע לאנדס-ברייטע אינוועסטירונג וואס איז געמאכט געווארן דורך אונזערע פעדעראלע שותפים אין רעגירונג פריער דעם יאר, און עס וועט נישט נאר פארבעסערן די עקזיסטירנדע לופטפעלד

אינפראסטרוקטור, נאר אויך די אלגעמיינע ערפארונג און צוגענגליכקייט פאר פאסאנזשירן וועלכע באנוצן זיך אפט מיט די צענטערן אריבער ניו יארק. דורך געציהלטע אינוועסטירונגען פון די סארט, טוהען מיר אקטיווערהייט העלפן נאכקומען די פארגרעסערטע פארלאנג פאר לופט רייזע, שאפנדיג געלעגנהייטן אינערהאלב אונזער ארבעטסקראפט און פארשטערקערנדיג אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "מאדערניזירן אונזערע לאקאלע לופטפעלדער ערלויבט עקאנאמישע אנטוויקלונג און ציהט צו טוריסטן און ביזנעסער צו אונזערע שטעט. אלע מענטשן פון ניו יארק וועלן בענעפיטירן פון די פארמערטע סעקיוריטי מאסנאמען, פון די רענאווירטע פלעצער און פון נייע פראגראמען פינאנצירט דורך די גאווערנער'ס אינוועסטירונג אין אונזערע לופטפעלדער."

פינאנצירונג פון דעם אוויאציע אינוועסטירונג גרענט פראגראם זענען געשאנקען געווארן פאר די פאלגנדע פראיעקטן:

**הויפטשטאט דיסטריקט – 8.8 מיליאן דאלאר**
-אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, אלבאני קאונטי - 1.6 מיליאן דאלאר פאר די איבערבויאונג, זיכערהייט איפרעכטונג און ענערגיע שפארזאמקייט מאדערניזירונג פון עקזיסטירנדע עלעוועיטארס אין די עקזיסטירנדע טערמינאל און די צפון פארקינג גאראזש עלעוועיטארס.
-קאלאמביע קאונטי לופטפעלד, קאלאמביע קאונטי - 2.4 מיליאן דאלאר פאר טערמינאל געביידע מאדערניזירונגען צו אדרעסירן עקזיסטירנדע איינריכטונגען'ס עלטער און ענערגיע אומשפארזאמיגקייט דורכן איבערבויען און ערזעצן פילע פון די עקזיסטירנדע עלמענטן אין די טערמינאל שטח, האנגאר און פילאטן לאונדזש.
-סאראטאָגע קאונטי לופטפעלד, סאראטאָגע קאונטי - 1.5 מיליאן דאלאר פאר אן עמערדזשענסי בעק-אפּ דזשענערעיטאר צו לויפן אויף די עקזיסטירנדע נאטורליכע גאז ליניע.
-סקענעקטעדי קאונטי לופטפעלד, סקענעקטעדי קאונטי - 0.9 מיליאן דאלאר צו איינקויפן שניי שארער עקוויפמענט (snow removal equipment, SRE), ספעציפיש א שנעלע שניי-בלאזער טרעקל וואס ארבעט מיט באזונדערע מאטארן פאר די פארן און די בלאזן.
-סאוט אלבאני לופטפעלד, אלבאני קאונטי - 2.5 מיליאן דאלאר צו אדרעסירן די פארלאנג פאר איבערגעדעקטע האנגאר פלעצער, אריינרעכענענדיג די קאנסטרוקציע פון א פון-פאראויס אינדזשענירטע מעטאלענע האנגאר אין צורה פון א "T" און אזוי אויך די אינסטאלאציע פון א פון-פאראויס אינדזשענירטע איבערגעדעקטע שאטן האנגאר.

**צענטראל ניו יארק – 5.5 מיליאן דאלאר**
-קאָרטלאנד קאונטי לופטפעלד, טשעיס פיעלד, קאָרטלאנד קאונטי - 2.5 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע פון א נייע געווענטליכע פליגער סטארעדזש האנגאר געביידע, אריינרעכענענדיג אפיסעס און אן אויסברייטערונג פון די עקזיסטירנדע קאר פארקינג לאט אויף די דרויסנדיגע זייט.
-אסוויגאָו קאונטי לופטפעלד, אסוויגאָו קאונטי - 0.5 מיליאן דאלאר צו איינקויפן אוויאציע ברענשטאף טראקס.
-סירעקיוּס ראיאנישע לופטפעלד, אָנאָנדאַגאַ קאונטי - 2.5 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע שטאפל פון אן איבערגעבויטע ספעציעלע פלאץ צו אראפנעמען אייז פון פליגער און א קאנטראל צענטער וואס וועט אדרעסירן יעצטיגע קאפאציטעט און זיכערהייט זארגן.

**פינגער לעיקס – 8.6 מיליאן דאלאר**
-פינגער לעיקס ראיאנישע לופטפעלד, סענעקא קאונטי - 2.3 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע פון א האנגאר געביידע אין די צורה פון א "T", באשטייענדיג פון אכט ביז צען פארקירונג פלעצער פאר די סטארעדזש פון לופטפעלד-באזירטע פליגער, אריינרעכענענדיג צעמענטענע יסודות און ערד, נייע באלייכטונג, עלעקטריציטעט שאלטערס און טירן וואס 'פאלדען' זיך.

-פרעדעריק דאגלעס גרעיט ראטשעסטער ראיאנישע לופטפעלד, מאנראו קאונטי - 1.1 מיליאן דאלאר צו אריבערפירן די לופטפעלד צו עלעקטריציטעט באנוץ און פאר קארבאן רעדוקציע דורך א פראגראם וואס קען העלפן אוועקנעמען עקוויפּמענט און קארן/טראקס וואס לויפן אויף פאַסיל ברענשטאף און זיך צו אפגעבן מיט די וואוקס פון די לופטפעלד און עלעקטרישע פארלאנג.
-דזשענעסי קאונטי לופטפעלד, דזשענעסי קאונטי - 2.5 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע פון א סטארעדזש איינריכטונג פאר שניי שארער עקוויפּמענט (snow removal equipment, SRE) אריינרעכענענדיג די געביידע, יוטיליטיס, אויסגעפלאסטערטע וועגן פאר צוטריט און די פארבינדענע פארבעסערונגען פון די פלאץ.
-פוין יען לופטפעלד, יעיטס קאונטי - 2.3 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע פון א האנגאר אין די צורה פון א "T" מיט אכט פלעצער פאר פליגער, אריינרעכענענדיג אויסגעפלאסטערטע וועגן פאר צוטריט, וואסער אפלויף סיסטעם פארבעסערונגען און סעקיוריטי פארשטערקערונגען ביי די טיר.
-וויליאמסאן-סאָדוס לופטפעלד, וועין קאונטי - 0.4 מיליאן דאלאר צו אוועקנעמען לופטפעלד שטרויכלונגען, פארבעסערונגען צו די האנגאר אין צורה פון א "T", עלעקטרישע קארן טשארדזשערס און אויספלאסטערונג איבערמאכונגען.

**לאנג איילענד – 1 מיליאן דאלאר**
-רעפובליק לופטפעלד, סופאָלק קאונטי - 1 מיליאן דאלאר פאר זיכערהייט און אריבערגאנג צו עלעקטריציטעט: צולייגן א שניי שארן 'בעזעם' צו די לופטפעלד'ס עקוויפּמענט פלאטע, ערזעצן די לופטפעלד גראז שניידערס מיט אויטאמאטישע, עלעקטרישע גראז שניידערס און אזוי אויך צולייגן עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס צו די הויפט טערמינאל פארקינג לאט.

**מיד-האדסאן – 1.5 מיליאן דאלאר**
-האדסאן וואלי ראיאנישע לופטפעלד, דאָטשעס קאונטי - 0.2 מיליאן דאלאר צו איינקויפן צוויי עלעקטרישע גראז שניידערס וואס קענען אויפהאלטן די געפלאנצטע שטחים פון די לופטפעלד און אזוי אויך צו איינקויפן צוויי עלעקטרישע קארן פאר ארבייטער צו ארומפארן פאר לוטפעלד אפעראציעס.
-ארענדזש קאונטי לופטפעלד, ארענדזש קאונטי - 1.4 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן די געדעקטע שטח און די טעכנאלאגישע מעגליכקייטן פון עקזיסטירענדע סעקיוריטי און נאכפאלגונג סיסטעם דורכן מאדערניזירן עקזיסטירנדע סעקיוריטי קאמעראס, צולייגן נייע סעקיוריטי קאמעראס, ערזעצן עקזיסטירנדע נומער שלעסער ביי אויטאמטישע געיטס און צולייגן נאך טעכנאלאגיע צו ערמעגליכן צוטריט פונדערווייטנס, 'געוועבטע' צוימען און געיטס.

**מאוהאק וואלי – 4.5 מיליאן דאלאר**
-פולטאָן קאונטי לופטפעלד, פולטאָן קאונטי - 2 מיליאן דאלאר צו אוועקנעמען און ערזעצן צוויי עקזיסטירנדע אונטערערדישע פליגער ברענשטאף טענק, אריינרעכענענדיג די עקזיסטירנדע ברענשטאף פּאמפּ סיסטעם, מיט א נייע ברענשטאף 'פארם' וואס וועט אריינרעכענען צוויי ערשט-קלאסיגע ברענשטאף טענק העכער די ערד און די פארבינדענע רערן צו ערלויבן ארבייטער אליין צו פּאמפּען גאז.
-גריפיס אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, אניידע קאונטי - 2.5 מיליאן דאלאר צו רענאווירן און אויסשטאטן אן עקזיסטירנדע געביידע צו אקאמאדירן די אויסברייטערונג פון Navmar Applied Sciences Corporation וואס וועט ארויסליעסען די געביידע פאר די לאנגע טערמין.

**נארט קאנטרי – 7.7 מיליאן דאלאר**
-עדיראַנדעק ראיאנישע לופטפעלד, פרענקלין קאונטי - 1 מיליאן דאלאר פאר די פארענדיגונג פון די טאון האנגאר און עס וועט אריינרעכענען פארבעסערטע עלעקטרישע סערוויס, באלייכטונג, אינסטאלאציע פון א הייצונג סיסטעם, אינסולירונג, פארבן די סטרוקטורישע שטאל, ערזעצן די מעטאלענע דעכער און סיידינג, נייע וואנט פאנעלן, נייע פענסטער און נייע טירן פאר איינגעשטעלטע.

-פלאיד בענעט מעמאריעל לופטפעלד, ווארען קאונטי - 2.3 מיליאן דאלאר צו אוועקנעמען אן עקזיסטירנדע חרוב'ע האנגאר אין די צורה פון א "T" און צו אויפבויען א נייע "T" האנגאר מיט זעקס יוניטס אויף די זעלבע לאקאציע.
-מאסענא אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, סעינט לאורענס קאונטי - 0.1 מיליאן דאלאר צו איינקויפן א גראז שניידער וואס קען פארברייטערט ווערן מיט 'פליגלען' (בעטווינג) וואס קען באהאפטן ווערן צו א טרעקל און אזוי אויך א שניי שארער פיק-אפ טרעקל וואס קען פארשפרייטן מאטעריאלן און שארן שניי מיט א שאוול.
-פיעסקאָ לופטפעלד, העמילטאן קאונטי - 0.1 מיליאן דאלאר צו איינקויפן א 'סקיד סטיר' קליינע טראקטאר פאר פארשידענע אויפהאלטונג אפעראציעס.
פלאטסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, קלינטאן קאונטי - 2.0 מיליאן דאלאר פאר א נייע האנגאר אין צורה פון א "T" מיט פלאץ פאר אכט פליגער מיט אפיסעס, ארייגרעכענענדיג פארבעסערטע צוטריט אויספלאסטערונג, אפלויף סיסטעם ענדערונגען און אנצייכענונגען אויף די פעך.
-וואטערטאון אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, דזשעפערסאן קאונטי - 2.1 מיליאן דאלאר צו איבערבויען א חלק פון האנגאר D צו פארלענגערן די יארן ווי לאנג עס וועט קענען גענוצט ווערן, ארייגרעכענענדיג דאס פארשטערקערן די געביידע ווענט צו רעדוצירן פלעצער וואו עס זענען געטראפן געווארן פעלערן.

**סאוטערן טיער – 5.1 מיליאן דאלאר**
-קארנינג-פעינטעד פאוסט לופטפעלד, סטיובען קאונטי - 0.3 מיליאן דאלאר צו איינקויפן אן עקסקעוועיטאר טראקטאר מיט פאסיגע שאוולעך פאר פארשידענע ארבעט אויף די שטח.
-עלמירא קארנינג ראיאנישע לופטפעלד, טשימאַנג קאונטי - 0.8 מיליאן דאלאר צו איינקויפן עלעקטרישע עקוויפמענט און די פאסיגע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור.
-גרעיטער בינגעהעמטאן לופטפעלד/עדווין א. לינק פעלד, ברום קאונטי - 0.8 מיליאן דאלאר צו איינקויפן עטליכע טרעקלעך און מאשינען פאר אפעראציעס אויף די פליגער ווען עס איז אויפן ערד ( ground service equipment, GSE), ארייגרעכענענדיג עלעקטרישע קארן אין די פארעם פון 'טאָגס' וואס שטופן אוועק די פליגער פון די געיט (גרויסע און קליינע) כדי זיך צו גרייטן פאר אן עלעקטרישע פלאטע אויף א סטראטעגישן פארנעם.
-איטעקע טאַמפקינס אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, טאמפקינס קאונטי - 1.4 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע פון א 2,600 סקוועיר-פיסיגע עמערדזשענסי אפעראציעס איינריכטונג וואס וועט זיך געפונען אינערהאלב א פארגעשלאגענע לופטפעלד רעטונג און פייער לעשונג/שניי שארער עקוויפמענט איינריכטונג (Airport Rescue and Fire Fighting/Snow Removal Equipment, ARFF/SRE) וואס ווערט פינאנצירט דורך די FAA.
-ליוטענאנט ווארען אי. איטאן לופטפעלד, שענענגאָ קאונטי - 0.6 מיליאן דאלאר צו איינקויפן א נייע שניי שארער עקוויפמענט טרעקל ('סנאָופלאָו') און שטיקלעך צו ארויפלייגן ארייגרעכענענדיג א שניי שאוול און 'פליגל' קאמבינאציע און אזוי אויך א שטיקל וואס קען זיך ארייגגליטשן אויף די טרעקל און פארשפרייטן מאטעריאלן צו צולאזן אייז אדער פארמיידן פון רעדער זיך צו גליטשן אויף די פעך.
-טריי-סיטיס לופטפעלד, ברום קאונטי - 1.2 מיליאן דאלאר צו ערזעצן די עקזיסטירנדע גאז פאמפ איינריכטונג און די אינסטאלאציע פון נייע ברענשטאף טענק און א נייע קרעדיט קארטל מאשין צו קענען אליין אנפילן און א טאנק נאכפאלגונג סיסטעם.

**מערב ניו יארק – 6.3 מיליאן דאלאר**
-באפעלאו ניאגרא אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, ערי קאונטי - 2.2 מיליאן דאלאר צו איינקויפן און אינסטאלירן אן ערזאץ פאר צוויי בריקן פאר פאסאנזשירן ארויפצוגיין אויפן פליגער ( passenger boarding bridge, PBB) מיט נייע עיר קאנדישאנער יוניטס פאר ווען די פליגער איז נאך אויפן ערד (pre-conditioned air, PCA) און עלעקטריציטעט יוניטס פאר ווען די פליגער איז נאך אויפן ערד (ground power unit, GPU) ביי געיטס 8 און 22 ביי די BUF פאסאנזשיר טערמינאל.

דאָנקירק-שעטאַקווע קאונטי דאָנקירק לופטפעלד, שעטאַקווע קאונטי - 0.5 מיליאן דאלאר צו ערזעצן צוויי עקזיסטירנדע האנגאר טירן וואס 'פאָלדען' זיך איין מיט נייע עלעקטרישע פאלדנדע טירן.
-שעטאַקווע קאונטי דזשעימסטאון לופטפעלד, שעטאַקווע קאונטי - 1.1 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן די עקזיסטירנדע געשעפטן פלאץ אין די לופטפעלד טערמינאל געביידע, ערזעצן א שנעלע אנהייצונג סיסטעם אין אן עקזיסטירנדע האנגאר און ערזעצן אן עקזיסטירנדע סעקיורטי קאמערא סיסטעם אין און ארום די טערמינאל.
-ניאגרא פאָלס אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, ניאגרא קאונטי - 1.3 מיליאן דאלאר צו איינקויפן 10 שטיקלעך פון עקוויפמענט צו פארבעסערן די זיכערהייט און ווירקזאמקייט פון שניי שארן אפעראציעס און קאנטראל פון ווילדע באשעפענישן.
-ליראָי לופטפעלד, דזשענעסי קאונטי - 0.8 מיליאן דאלאר צו איבערמאכן די עקזיסטירנדע פעך אויף די שאסייען וואו די פליגערס פארן פון און צו די ראָנוועי, די ארומיגע ראודס צווישן די לופטפעלד איינריכטונגען, די פליגער פארקינג פלעצער און קאר פארקינג לאט, און אזוי אויך צו איבערמאכן די ברענשטאף 'פארם', אריינרעכענענדיג מיטן ערזעצן די פאמפס, רערן און די 'נאַזעלס' פון וואו די גאז קומט ארויס.
-וועלסוויל מוניסיפעל לופטפעלד, אלעגאני קאונטי - 0.5 מיליאן דאלאר צו צעווארפן/אוועקנעמען די עקזיסטירנדע צפון האנגאר דאך און אינסטאלירן א נייע אינסולירטע מעטאלענע דאך סיסטעם מיט נייע רערן פון וואו רעגן וואסער רינט אראפ.

די פינאנצירונג איז געשאנקען געווארן פאר פראיעקטן דורך א פראצעדור וועלכע די בעסטע פארשלאגן זענען אויסדערוועהלט געווארן — באזירט אויף ספעציפישע קריטעריאנען, אריינרעכענענדיג ווי גרויס די עקאנאמישע בענעפיטן וועלן זיין פאר די ארומיגע קאמיוניטיס און ביזנעסער; ווי גוט עס האלט זיך צו די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער; די זיכערהייט פארשטערקערונגען וואס עס מאכט; די פארבעסערטע אפעראציעס געשליפנקייט; און ענערגיע שפארזאמקייט און עמיסיעס רעדוקציע. די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט איז פארפליכטעט צו ארבעטן מיט לאקאלע פראיעקט ספאנסארס צו פארשנעלערן די דורכפירונג פון די פארבעסערונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן